„Radomer-Kielcer Leben" 31 (371) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשן

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייטן.

Radom, dnia 7 Sierpnia 1931 r.

ראדאם, פרייטאג, כ"ד מנחם אב תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

געניא קופערמאן — שמעון ווייַנשטאק
זוואלין — ראדאם

## פערלאָבט

2-טען שערפיען.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער חבר

**שמעון ווייַנשטאָק** מיט פריילין **געניא קופערמאן**

ווינשען מ"ר א גליקליכע צוזאמענבונד.

מ. קארמאן, ב. פרייַדענרייַך,
י. בראנדווייַן, ל. צוקער,
מ. גרינבלאט, א. טענענבוים.

---

## „צאתכם לשלום ובואכם לשלום"

צום אפפאהרען פון אונזער געעהרטען פרעזעס

**ה' מאטיל זוויקעלסקי נ"י** אויף קוראציע קיין קרעניץ

ווינשען מיר איהם א גליקליכע רייזע און א געזונד צוריקקומען.

פערוואלטונג מיטגלידער
פון „לינת-הצדק" אין ראדאם

---

## האללא! — האללא!

אין די נאהענטסטע טעג ווערט געעפענט אין קעלץ, אין צענטרום פון שטאדט, א עלעגאנט - איינגעארדענט

## וואורשטען און פליישנע געשעפט.

## ווען? וואו? וואס?

נאך אייניגע טעג, און איהר וועט אייך וועגען אלעם

—::— גענוי דערוואוסען. —::—

---

Państwu **HOLCMAN**

wyrażamy serdeczne współczucie z powodu

śmierci ich SYNA b. p.

# Herszka-Wolfa,

b. ucznia naszego gimnazjum.

*Dyrekcja, Zarząd, Grono nauczycieli i Administracja gimnazjum Tow. „Przyjaciół Wiedzy" w Radomiu.*

---

בברכת מזל-טוב המה ולבבית הננו מברכים

את חברינו נשיא המועצה של קופת הקואופרטיוית לקרדיט ברדום

את מ"ר **אברהם ברסלר**

לרגלי נשואי בתו מרת **מרים**

יהי רצון שיבנו ביתם על הרי ציון וירושלים

**הועד והמועצה**

**של הקופה הקואופרטיוית לקרדיט**

ברדום ושערמסקי 23.

---

לחברינו מ"ר **אברהם ברסלר ולמשפחתו**

לרגלי נשואי בתו מרת **מרים**

הננו מברכים ברכות מאליפות ורוב נחת.

**מאיר גרנש וב"ב.**

---

לרגלי נשואי מרת **מרים ברסלר**

עם ב"ג **יצחק זעליחאווסקי**

הננו מברכים את נשיא המועצה של בנק - הציונים

מר **אברהם ברסלר ומשפחתו** מז"ט ורוב נחת.

**פרסנל של הקופה הקואופרטיוית לקרדיט**

— ברדום. —

---

אונזערע פריינד דער פאמיליע **ברעסלער**

צו דער האכצייט פון זייער ליבע טאכטער

**מאניא** מיט ה' **יצחק זעליחאווסקי**

ווינשען מיר פיעל נחת און דעם יונגען פאר

א גליקליך צוזאמענלעבען.

**יהושע שטיינמאן**
עט פאמיליע.

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער חבר

**אברהם קערשבערג** מיט פרל' **פייגע ראָזענבלום**

ווינשען מיר אייך א צוקונפט אויף געזונטע יסודות

מאיר פאסטערנאק, משה וואקסבערג, יאנקל בענעט
יאסיל ליבהאבער, משה ווייספוס.

# מיר און די אמעריקאנער לאנדסלייט.

די ראדאמער יודישע אינסטיטוציעס געפונען זיך אין א שווערער לאגע, ס׳איז נישט קיין חידוש. אין די גוטע צייטען, ווען די אלגעמיינע לאגע איז געווען א גוטע, האבען די אינסטיטוציעס געארבייט מיט דעפיציט. בפרט היינט, בעת׳ן שווערען קריזיס, בעת יעדער פאמיליע און יעדער יחיד האט נישט פאר זיין אייגענעם אויסקומעניש, קען מען זיך שוין פארשטעלען, ווי שווער ס׳קומט אן די אינסטיטוציעס צו שאפען מיטלען פאר זייער אויסהאלטונג.

אין דא ווילט זיך אויך בעריהרען א פאקט, וואס בעווייזט, אז אונזער שטאט איז ווידער א אויסנאהם פון אנדערע שטעדט.

מיר מיינען אונזער בעציהונג צו די ראדאמער אין אמעריקע און פערקעהרט.

נישט געקוקט, וואס ווי מ׳זאגט, אז אין אמעריקע איז א קריזיס, איז נאך אלץ, אפילו ביז היינטיגען טאג, אמעריקע פערבליבען דער פינאנץ-רעזערוואר פארדי מייסטען יודען אין אייראפע און פאר זייערע אינסטיטוציעס.

מיר ליינען די פראווינצער פרעסע, וועלכער ברענגט ידיעות וועגען הערציגען קאנטאקט, וואס עס הערשט צווישען די שטעדטלעך מיט זייערע לאנדסשאפטען אין אמעריקע. ביז׳ן לעצטען טאג שאפען די ארטיגע לאנדסשאפטען געוויסע סומען פאר די אינסטיטוציעס אין זייערע היימשטעדטלעך.

כדאי צו ברענגען א ביישפיל די הארציגע בעציהונגען, וואס עס הערשט צווישען די ביאליסטאקער אין אמעריקע מיט זייער היימשטאט. גראדנע מאכט איצט הכנות צו שיקען א דעלעגאט קיין אמעריקע און אזוי אויך אנדערע שטעדט.

און אט ווען מיר בעטראכטען די ארעמקייט פון אונזער שטאדט, דעם שווערען מצב פון אונזערע אינסטיטוציעס און, אז מיר ווייסען אז אין אמעריקע געפינען זיך הונדערטע ראדאמער און נישט קיין ארעמע, און מיט א געוויסער באציאונג צו זייער היימשטאט און מיט א גוטען ווילען,— פרעגט זיך: וואס איז די סיבה, וואס ראדאם האט אזא קנאפע פארבינדונג מיט די ראדאמער אין אמעריקע.

פארוואס זוכט מען נישט קיין מיטלען אנצוקניפען ענגערע באציאונגען מיט די ראדאמער, וועלכע געפינען זיך אין אמעריקא און האבען געוויס א ווארעמע באציאונג צו זייער געבורטס שטאדט.

אפשר וואלט סען נאך איצט געמאכט אזא בעראטונג, צי אסיפה, אדער קאנפערענץ פון אלע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס און דעם ענין באטראכטען?

אפשרוועט ווער נעמען די איניציאטיוו די דאזיגע בעראטונג צו רופען?

# די וואהלען פון ראט און פערוואלטונג זאלען איבערגעהן אויף דאס ניי.

אין דער „זעמיא ראדאמסקא" פון די טעג ליינען מיר א ידיעה, אז ס׳איז א וואהרשיינליכע זאך, אז די וואהלען פון ראט און פערוואלטונג פון דער ראדאמער יודישער קהלה זאלען נאך אמאהל איבערגעהן. אלס די אורזאך גיעט די זעלבע צייטונג אן, וואס ס׳זענען איינגעפלאסען רעקורסען געגען די וואהלען פון ביידע דערמאנטע אינסטאנצען.

די ידיעה איז נישט גענוג קלאר און מיר ווייסען נישט גענוי, צי דערמיט ווערט געמיינט, אז ס׳וועלען בכלל פארקומען נייע וואהלען צו דער קהלה אדער בלויז די וואהלען פון די פערזעסען פון ראט און פערוואלטונג. די צייטונג „זעמיא" ווייסט אגב, צו דערצעהלען, אז דער דאזיגער ענין ברויך ענטשיידען געלעזט ווערען ביז דער העלפט פון מאנאט שערפיען און, אז אין ביידע פאלען, ד״ה, צי די וואהלען וועלען בעשטעטיגט ווערען, אדער זיי וועלען איבערגעהן — וועלען דורך דער דאזיגער צייט זיין טהעטיג דער אלטער ראט און די פריהערדיגע פערוואלטונג.

פון וועמען די „זעמיא ראדאמסקא" האט אזא ידיעה בעקומען, איז אונז נישט בעוויסט. אונז האט מען נישט אינפארמירט וועגען אזא וואהרשיינליכקייט. ס׳איז אינטערעסאנט צו וויסען, ווער ס׳זענען די אינפארמאטארען פון דער „זעמיא", ווי אויך פון וועלכען צד ס׳איז איינגעפלאסען די רעקורסען.


## אנאנסען

— אין —

ראדאמער - קעלצער לעבען

האבען דעם גרעסטען

— ערפאלג. —


# טאג = בוך
## פון א ראדאמער זעלבסטמערדער

## 3000 גאלדענע רענדלעך.

ווען איך בין געקומען צו דער בעשטימטער שעה אין זאקסישען גארטען האב איך שוין געטראפען די פרוי רבקה׳לע פאמעלסאהן זיצען אין א אינטער-אלעע ווארטען אויף מיר. איך האב זיך צוגעזעצט און איידער איך האב נאך דערוויזען צו ענטשולדיגען זיך פאר מיין פערשפעטיגונג האט זי שטיל צו מיר א זאג געטוהן:

— מלך, דא איז נישט קיין ארט קיין סך צו רעדען. ס׳זענען דא צו-פיעל אויגען און מ׳קאן אונז אבסערווירען. דא איז נישט קיין געוואונשענער פלאץ צו פיהרען א אינטימען געשפרעך. היט דיך מיט א הויך ווארט. דיך קאן מען נישט. אבער איך בין גוט בעקאנט אין ווארשא און אין גארטען דא געפונען זיך א סך מענשען, וואס ווייסען ווער איך בין. לאמיר דעם שמועס אבלייגען אויף א אנדערש מאהל. דער צוועק פון מיין רופען דיך אהער איז, וואס כ׳וויל דיר יעצט געבען א גרויסע סומע געלד זאלסט קאנען דערמיט זיך שטעלען אויף די פיס.—

אנ׳איבעראשטער פון די דאזיגע ווערטער האב איך איבערגעריסען איהרע ווערטער און זי נישט געלאזט רעדען. איך האב אליין נישט געוויסט, וואס איך רעד און בין ארויס מיט א פראגע:

— אבער רבקה׳לע, פון וואנען וועסטו נעמען געלד? ס׳איז דאך געוויס אונטער דיין מאנס וויסען און וואס וועט ער זאגען? —

— פרעג נישט קיין קשיות. איך וועל דיר א צווייט מאהל ערקלערען. מיין מאן יועט דיר בעוונדער געבען געלד. ער האט מיר צוגעזאגט דאס צוטוהן און איך בין זיכער, אז ער וועט האלטען ווארט. ער איז א עהרען-מאן. אבער איך וויל דיר פון מיין זייט אויך בייהילפיג זיין. נעם וואס איך וועל דיר געבען און פרעג גארנישט איבער. נאך א בקשה האב איך צו דיר — ארויסקומענדיג צו מיר אין שטוב זאלסטו זיך האלטען פון מיר פון דערווייטענס. נישט ארויסכאפען זיך מיט׳ן ווארט „דו" געדענק קאנסט דיך און מיך אומגליקליך מאכען. דער עיקר זאלסטו זיך אונטערהאלטען מיט מיין מאן. איך פון מיין זייט, וועל טהון אלץ, בכדי דיין לאגע אויסצובעסערען. ווי ווייט מעגליך וועל איך זיך בעמיהען, אז דיינע טרויעריגע איבערלעבענישען זאלען פערגינטיגט ווערן מיט א בעסערען מארגען.—

דא האט רבקה׳לע געווארפען א בליק אויף א גרעסער פעקעלע. וואס איז געלעגען נעבען איהר און צו מיר האט זי דורך א ווינק געזאגט מיט כמעט א פערמאכט מויל, נישט בעוועגענדיג זאגאר מיט די ליפען:

— נעם-צו דאס פעקעלע, דא ליגט געלד. פאק נישט אויף און צעהל נישט איבער. נאר נעם ווי ס׳געהט און שטעהט. געט עס אזוי, אז ס׳זאל זיך דאכטען, ווי דאס פעקעלע איז דיינס. ביי דיר אין רער היים, וועסטו עס אויפמאכען און איבערצעהלען וויפיעל די האסט. פערשטייי וואס איך זאג צו דיר און קוק מיך צו-פיעל נישט אן. —

— איך קאן נישט, רבקה׳לע, ס׳איז דאך נישט מיינס און מיר דאכט זיך.

דער אלטער פאסט האבען זיי פעילאזט און געהען באדיי א שטיק וועגט ווייטער אהין אויף פילסודסקי גאס.

שיין א גאנצע וואך שטעהט די אלטע פאסט כסעט פוסט און האט נישט קיין קליענט אויף א רפואה. אלץ ציהט צו דער נייער יונגער און שענערע „קאנקורענטקע". מענשען זענען נישט דאנקבאר. אזוי פיעל יאהרען האט די אלטע פאסט בעדיענט די בעפעלקערונג און דא מיט איינמאהל אן איהר פערגעסען.

נישט ריכטיג איז דעריבער די האנדלונג פון די ראדאמער מענשהייט לגבי דער אלטער פאסט, מיט וועמען מ'האט זיך געטיילט און ליידען און פריידען במשך אזוי פיעל-יאהרען. וויפיעל גליקליכע בשורות, וויפיעל ליעבעס-בריעף האט זי געבראכט. וויפיעל הערצער האט זי געמאכט קלאפען, פיבערען און ציטערען דורך די צעהנדליגער יאהרען פון איהר עקזיסטענץ. וויפיעל סודות האט זי געטראגען און געבראכט פון דער וועלט. א געטרייע דינערין געווען די מענשען אבער פערגעסען אלץ גרינג. זיי זענען להוט אויף טשעקאווע זאכען, אויף נייעס. זיי זענען נישט סענטימענטאל.

אין אפשר האלטען זיי פון משנה מקום משנה מזל.

ווער ווייסט.

# אזש פון קאזשעניץ איז ער געפאהרען קיין לאדז אויסברענען זיין ווייב די אויגען.

יעקב יצחק זילבערבערג (32 יאהר אלט) האט א לענגערע צייט נישט געוואוינט מיט זיין פרוי.

ער האט זיך בעזעצט אין קאזשעניץ און זיין פרוי פייגעלע האט זיך געלעבט אין לאדז בעזונדער.

ווייזט אויס, אז זילבערבערג איז נישט געווען שטארק צופרידען פון דער דאזיגער שיידונג, ווארום היינטיגע וואך איז ער געפאהרען קיין לאדז, געשיקט זאגען פייגעלען, אז ער האט מיט איהר עפעס צורעדען אויג אויף אויג, און, אז זיי האבען זיך טאקע צוזאמענגעטראפען, האט ער איהר געפרובט אויסברענען די אויגען מיט זאלץ-זויער.

דאס איז איהם נישט געראטען, וויילפייגעלע האט זיך בעצייטענס געכאפט אויף דעם, וואס ער געהט טוהן. האט זי זיך שנעל פערשטעלט דאס פנים מיט די העגד, און דער מאן איהרער האט בלויז בעוויזען אפצובריהען איהרע הענד. פייגעלע האט געמאכט א געוואלט, איז געקומען פאליציי און אריינגעזעצט זילבערבערג'ן אין טורמע, צו דער דיספאזיציע פון דער אויספארשונג'ס-מאכט.

# בעריהמטער ביהנע-קינסטלער סאמבערג אין ראדאם.

די צווייטע וואך, דינסטאג וועט אין ראדאם שפיעלען יודיש טעאטער די טרופע פון בעקאנטען ארטיסט ביאלקאוויטש. די טרופע וועט אויפפיהרען די פיעסע „דער פערשאלטענער" פון סאפיא ביעלא.

אלס פנים חדשות וועט אויפטרעטען דער בעריהמטער ביהנע-קינסטלער סאמבערג, וועלכער פערנעמט היינט איינע פון די אויבען-אן-ערטער צווישען די ערשט-ראנגיגע כחות אין דער יודישער טעאטער-וועלט.

אין דער טרופע שפיעלט אויך דער אין ראדאם גוט-בעקאנטער ארטיסט דראנגאוו.

# עבירה גוררת עבירה, אבער דער פאן וואצלאוו איז גארנישט שולדיג. ער האט דאס קיינמאהל נישט געלערנט.

מיט א געוויסער צייט צוריק איז לעווסקי, בעפרייט געווארן פון דער בעאמטער [illegible] זיין פאסטען און איבערגעגאנגען אין דירעקציע, א געוויסער וואצלאוו וורוב- צמעריסור.

נישט וועלענדיג ארומגעהן ליידיג האט וורובלעווסקי אויסגענוצט זיין פרייע צייט און זיך פערנומען מיט אינזשיניערסקע ארבייט. ער האט זיך איבעראל דעקלארירט אלס אינזשיניער און אלס א זעלכער אויפגענומען פערשידענע בעשטעלונגען פון זעלבען פאך די געשעפטען זענען אוועק נישט שלעכט אזוי ווייט. אז פון די פעררינסטען האט ער זיך ארויפגעארבייט צו אזא שטופע אז ער איז בכח געווען זיך אויסצובויען א אייגען פאלאצעל, וואו ער האט זיך גאר בהרחבה'דיק איינגעארדענט.

אלץ וואלט אפשר געגאנגען כשורה, ווען נישט א מעשה מיט א דירה און מיט 2000 זל. אבטרעט-געלד.

און אט וואס האט פאסירט:

וורובלעווסקי האט איידער ער האט עולה לגדולה געווען אלס „אינזשיניער" פערנומען א וואחנונג אויף שוויעזשא גאס 26. ער האט דארט בעוואוינט א שעהנע דירה. און אפילו דאן, ווען ער האט שוין געהאט זיין אייגען פאלאצעל האט ער נאך זיין אלטע וואהנונג נישט געוואלט בעפרייען. א געוויסע מעקלערין האט זיך דאן גענומען מטפל זיין ארום דער דירה און געפרענגט בעלנים, וועמען וורובלעווסקי האט פראפאגירט 2000 זל: אבטרעט-געלד.

וורובלעווסקי האט זיך גארנישט געריכט און מ'האט איהם פלוצלינג גערופען אין דער פראקוראטור איף אנאנפראגע, צי ער טרייבט ליכווע מיט זיין אלטע וואהנונג. אין איין וועגס האט מען געמאכט א שאלה אויף זיין טיטול „אינזשיניער" צי ער איז ער א ריכטיגער. וורובלעווסקי האט אויך אין דער פראקוראטור אויפגעגעבען זיין בערוף מיט'ן טיטול „אינזשיניער" אבער ווייזט אויס, אז מ'האט איהם ווייניג געגלויבט און געמאכט אנ'אנפראגע אין דער באהן-דירעקציע, וועלכע האט געענפערט קלאר און קאטעגאריש, אז וורובלעווסקי איז קיינמאהל קיין אינזשיניער נישט געווען.

דער ערפאלג פון דער דאזיגער טשעקאווער געשיכטע וועט זיך אבשפיעלען אין די נאהנסטע טעג אין ראדאמער קרייז-געריכט.

אויפ'ן פאן וואצלאוו וורובלעווסקי איז אמת'דיג געזאגט געווארען עבירה גוררת עבירה, אבער ער איז אפשר גארנישט שולדיג. ער האט דאס קיינמאהל נישט געלערנט און טאקע פון וואנען האט ער געזאלט וויסען?


GAZOWNIA
MIEJSKA

פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען
קעכלער, גאזאווע איינס און צוויי פלאמיגע
קעכלען פאמילינע און האטעלאווע
אייוועלען צום באדען
אייוועלען צום בראטען
אייזענס צום פרעסען פאר פריוואט און פאר שניידער
הייצערס צו פריזירער רעדלעך
„טערמא" אטאמאטישע אויף צו דערווארמען וואסער פאר דאקטוירים, דענטיסטען, פריזיורערס און עהנליכע פראפעסיעס.

אלערליי גאז-אפאראטען ווערען פערקויפט
——— אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ———
די גאזאווניע פיהרט אויס שטוב-אינסטאלאציעס
אויף אויסצוצאהלען אין 12 ראטעס.

די גאז-אפאראטען קען מען בעקוקען אין די סקלאדעס פון די גאזאווניע אויף מלאדזשאנאווו פון 10 ביז 2 נ. מ.
אלע אינפארמאציעס ערטיילט די ביורא פון די גאזאווניע טעל. 134

# קעלצער אבטיילונג.

## די קאנסטיטואירונג פון דער קהלה־פערוואלטונג.

זינטאג 12 בייטאג איז פארגעקומען די ערשטע קאנסטיטואירונג'ס־זיצונג פון דער קהלה־פערוואלטונג. אין דער זיצונג האבען זיך בעטייליגט 7 דאזאָרעס אין הרב ראפאפארט. 3 דאזאָרעס זענען, עוליב זייער אבפאהרען פון קיעלץ, געוועזען אבוועזענד.

די זיצונג עפענט ה' קלוסקא, וועלכער בעהט ארייצוטראגען קאנדידאטען אלס פרעזעס. עס ווערט פארגעלייגט די קאנדידאטור פון ה' אהרן יוסף מאשקאוויטש, וואס ווערט איינשטימיג אנגענומען.

אלס וויצע־פרעזעסן ווערן געוועהלט, אויך איינשטימיג, די ה"ה: משה אייזענבערג (אגודה) און שמחה בינם גאלדמאן (אונפארטייאישע).

די נייע פערוואלטונג וועט איבערנעמען די קהלה־טעטיגקייט גלייך נאכן בעשטעטיגען דורך דער סטאראסטווע.

## די ארץ־ישראל מאטאציקליסטען אין קעלץ.

### די געסט ווערען בעגריסט דורך טויזענטער מענשען.

גאנץ אונערוואַרטעט זענען היינטיגען מיטוואך דורכגעפאהרען קיעלץ די ארץ־ישראל מאטאציקליסטען פון „הפועל“, וואס זענען געפאהרען פון וויען קיין ווארשא.

די געסט האבען זיך, ביי זייער אנקומען, אבגעשטעלט אין מאדק. גלייך האט זיך די ידיעה פערשפרייט אין שטאדט און טויזענטער יודען, אלט און יונג, זענען געקומען בעגריסען די געסט, וואס האבען געבראכט א לעבעדיגען גרוס פון ארץ־ישראל. מען האט געזעהען פאר זיך 7 פעסט־געבויטע געזינטע יונגעלייט, וואס אין גלות וועט איהר אזעלכע זעלטען בעגעגנען.

די פערזאמעלטע יודען האבען טאקע געקוקט מיט בעוואונדערונג אויף די העלדישע יונגעלייט אין בעטאפט פון אלע זייטען די מאטאציקלען מיט די העברעישע אויפשריפטען...

די מאטאציקליסטען האבען געוויילט אין קיעלץ ביז 6 אָוועגד. דאן זענען זיי אבגעפאהרען קיין ראדאם, וואו עס האט זיי ערווארט אן אימפאזאנטער קבלת־פנים. ראדאם, איז נעמליך, אינפארמירט געווארען וועגען זייער קומען.

## א העלדישער טהאט פון א קעלצער יונגערמאן.

### ער ראטעוועט ארויס פון וואסער 2 יודישע פרויען.

טשארניעצקא־גורא האט פאריגע וואך געקאכט מיט דעם העלדישען טהאט פון היעגען יוגען ציוניסט, ראמעק בלושטיין, וועלכער האט, איינשטעלענדיג זיין לעבען אין סכנה, ארויסגעראטעוועט 2 יודישע פרויען פון דערטרונקען זיך.

עס איז געווען 12 בייטאג. די איינוואהנער אין געסט פון טשארנעצקעגורא, האבען זיך געבאדען אין ארטיגען גרויסען טייך. פלוצלינג האט זיך דערהערט א יאמעדליכער געשריי פון א טרונקענדער פרוי, וועלכע איז געזונקען אין א טיעף ארט אין וואסער. נאך א מינוט און—עס וואלט געקאסט א מענשליך לעבען...

אין דעם אויגענבליק איז ארייגעשפרונגען אין וואסער דער דערמאנטער בלושטיין, אין זיינע מלבושים. און צושווימענדיג צו דער טרונקענדער פרוי האט ער זי ארויסגעצויגען א פער'חלשטע פון וואסער.

אבער דא האט זיך געהערט ווידער פון צווייטען עק טייך א געשריי, אז אויך דארט טרינקט א פרוי און קיינער איז נישט ביכולת זי ארויסצוראטעווען.

ה' בלושטיין האט, נישט לאנג קלערענדיג, זיך באלד א לאז געטהוען צום צווייטען עק טייך און ביי א אויסערגעוועהנליכער אנשטרענגונג ארויסגעריסען די פרוי פון די וואסער־כוואליעס.

די נעמען פון די 2 פרויען נענען: סעצעמסקא (קאנטק) און מאנדעלמאן.

דעם העלדישען יונגערמאן האלט מען איצט אין טשארניעצקא־גורא אין ארומטראגען אויף די הענד.

## ארעסטטע צווישען דיר פוילישער שול־יוגענד אין קעלץ.

ווי עס איז שוין בעקאנט פון דער טעגליכער פרעסע, זענען היינטיגע וואך דורכגעפיהרט געווארן אין קעלץ ארעסטען צווישען די שילער פון א היגער קריסטליכער גימנאזיע. עס זענען ארעסטירט געוואָרען 8 פערזאן. ביי וועלכע מען האט געפונען פיעל געוועהר און פערשידענע קאמפראמיטירענדע דאקומענטען, וואס האבען בעוויזען, אז אין קעלץ האט עגזיסטירט א אונלעגאלע מיליטערישע שילער־ארגאניזאציע, וואס איז געווען אין ענגען קאנטאקט מיט די ענדעקעס.

ביי איינינע ענדעקישע טהוער זענען טאקי דורכגעפיהרט געווארען רעוויזיעס. די אויספארשונג איז אין פולען גאנג. מען ערווארט אינטערעסאנטע פרטים.

די ארעסטירטע דראָהט א הארבע שטראף.

צוליב אבדריקען א ארטיקעל וועגען דעם ענין, איז דינסטאג קאנפיסקירט געווארען די ענדעקישע „גאזעטא ווארשאווסקא“.

## צו אונזערע לעזער אין קעלץ.

היינטיגען זונטאג שיקען מיר קיין קעלץ א נייעם אינקאסענט און מיר בעטען אלע אונזערע ג. אבאנענטען און אנאנסען־געבער צו רעגולירען די חובות פאר דער צייטונג און פאר די אנאנסען. זאל קיינער נישט פערלאנגען דער אינקאסענט זאל געהן צו איהם עטליכע מאהל.

אדמ. „ראד. קעלצער־לעבען“ אין ראדאם.

## „מאראטאריום“... א אמת'ע דאטשע־פאסירונג.

אויב אין קעלץ, למשל, איז מאיר דער פראצענטניק נישט אזוי שטארק פאפולער, איז דערפאר זיין נאמען א שם־דבר אויף דער קעלצער דאטשע.

יאהר ביי יאהר קומט ער נעמליך דא אהער אין די הייסע זומער־חדשים. דינגט זיך ערגיץ וואו אין עק דארף א ענגע „חאטקע“ און קומט יעדען טאג אויף לאנגע שעה'ן אין וואלד אריין.

אייגענטליך קאן זיך מאיר ערלויבען צו פאהרען אין א באד, און אפילו קיין אויסלאנד, אבער דער רבונו של עולם האט דוקא געוואלט, אז מאיר זאל נישט ליידען (אויף אלע יודען געזאגט) אויף קיין שום מחלה, רחמנא ליצלן, אפילו קיין מערידען נישט. אז מען שמועסט, גארנישט!

אבער א ביסעלע אבּרוה, פארוואס נישט?

און וויסען מוזט איהר, אז בטבע איז מאיר נישט קיין קארגער. אויסער ארויבלאזען א האלב־פערטעלע פון פראצענט און אויפהאלטען נאך א טאג א וועקסעל, וואס איז ביי איהם זעהר שטרענג ממש א הלכה למשה מסיני, אויסער דעם וועט איהר ביי איהם אלץ פועל'ען. אפילו בארגען געלדער אויף זאגאנסקי'ס וועקסלען...

אויב ברענגט איהר איהם נישט קיין גוט וועקסעל מאכט ער עס נישט. נו, וואו איז היינט פערהאן א גוט וועקסעל? מאכט מאיר טאקי נישט.. יעדען וואס קומט צו איהם בארגען געלד ענטפערט ער:

— כ'מאך נישט!

איז טאקי שוין א פאר חדשים, ווי ער מאכט נישט. ער ווארט אב אויף א בעסערע צייט.

און אפילו דא, אויף דער דאטשע האלט ער אין איין קלערען, צי ס'וועט זיך פערבעסערען צי נישט, גאנצע טעג האלט ער אין איין ציטערען, צי דאס געלד, וואס ער האט ליגען אין דער באנק איז געזיכערט. טאמער די מינוט זאל נישט זיין, ברעכט אויס א שרפה און די באנק מיט'ן געלד ווערט פערברענט, טאמער גאר, די שעה זאל נישט זיין, מאכט די באנק פליטה... — טפו, טפו, ביינע מחשבות זיך אנגעזעצט אויף מיין קאפ — טראכט מאיר און וויל פערטרייבען די דאזיגע געדאנקען.

לייבעלע.

(ענדע קומט).

## 8 מאַטאַציקליסטען פון ארץ-ישראל אין ראדאָם.

עהרנעכטען מיטוואָך זענען קיין ראַדאָם אָנגעקומען 8 מאָטאָציקליסטען פון ארץ-ישראל.

די מאָטאָציקליסטען געהערען צום „הפועל" אין ארץ-ישראל. זיי זענען געווען אויפ'ן ציוניסטישען קאָנגרעס אין באזעל און אויף דער אָליפּיאדע אין וויען, פון וואנען זיי האָבען זיך געלאָזט אויף א טורנע קיין פוילען. קיין ראדאָם געבען זיי געקומען פון קעלץ און פון דאנען אַבגעאַהרען קיין ווארשא.


גאַסטראָל-פאָרשטעלונגען פון בעריהמטען פאָלקס-ארטיסט

## מ. מאָמבערג

**אין קעלץ** — מאָנטאָג דעם 10 ה. ח. אין טעאַטער „פּאָלסקי"

**אין ראדאָם** — דינסטאָג דעם 11 ה. ח. אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי"

## דער פערשאלטענער

סענסאַציאָנעלער וועלט-שלאגער אין 3 אַקטען.

עס נעמען אנטייל פרויען: חנה ביאלקאָוויטש, רעגינא בוימאן, ראָזענצווייג.

מענער: ישראל ביאלקאָוויטש, ז. בלאָם, מ. דראַנאוו, ד. האמבורגער, א. לייבאָוויטש א. א.



TON i KREDĘ

najprzedniejszych gatunków dla celów malarskich i przemysłowych z własnych kopalń polecają

Zakłady Przemysłowe

**„ZOZULKA"**

Sp. z ogr. odp.

Biuro sprzedaży w Warszawie

**Elektoralna 11**, telef 753 - 26.

Solidni zastępcy poszukiwani.


## אַכטונג יודישע עלטערן!

**דעם 2-טען חזשעשיען 1931 עפען איך די קאָנצעסיאָנירטע 7-קלאַסיגע פאָוושעכנע שולע מיט רעגירונגס-רעכט אין ראדאם וויטאָלדא 31**

חוץ דעם וואָס די וועלטליכע בילדונג וועט ווערען אינטערריכטעט דורך גוט-רוטינירטע קוואליפיצירטע לעהרער (בעשטעטיגט דירכ'ן שול-אינספעקטאָר) וועט אויך ווערען די יודישע בילדונג געלערענט דורך די בעסטע פעדאַגאָגישע כחות אונטער דער לייטונג פון אַ דיפּלאָמירטען פעדאַגאָג.

דער פראָגראם פון די יודישע לעהרע וועט זיין גענוי צוגעפּאסט צום פראָגראם פון דער בעריהמטער העכערער שולע **תחכמוני** אין ווארשא. אויסער תורה, נביאים, כתובים. גרינדליך די העברעאישע שפראך, ליטעראטור, אידישע געשיכטע, רש"י, גמרא, תוספות, ספרי-מוסר, שלחן ערוך א. ז. וו. וועלכע זענען פאָראויסגעזעהן אין פראָגראם פון תחכמוני, וועט אויך ווערען יעדען טאָג געדאַוונט מיט די שילער. עס ווערט געלערענט מיט אַנפאַנג-קינדער ספּעציעל עברי. א בעזונדערער אכט וועט ווערען געלעגט אויף דער עטישער און דרך-ארץ'דיגער ערציהונג פון די שילער.

**אידישער פאָטער!** אויב איהר שטרעבט באמת אַז אייער קינד זאָל זיין אַ געטרייער, געבילדעטער **יוד** און וועלטליכער מענש זאָלט איהר אייך גוט בעטראכטען ביים יעצטיגען נייעם שול-יאָהר און אָנפערטרויען די ערציהונג וואָס איז דעם גורל פון דעם צוקונפטיגען לעבען פון אייער קינד, נאָר אין אזעלכע הענד, וואָס זענען פעראַנטוואָרטליך פאר זייער לעהרע און זיי האָבען די אנערקענונג דורך דיפּלאָם-צייגניש פון די אויטאָריטעטען פון דער יודישע און אלטוועלטליכער וויסענשאַפט, אַז זיי שטעהען אויף דער געהעריגער הויך פון זייער אויפגאבע.

**יודישע עלטערן!** בעדענקט אייך גוט, איידער איהר גיט איבער דעם גורל פון ערציהונג פון אייער קינד.

שילער ווערען אָנגענומען פון 6 יאָהר אָן. די איינשרייבונגען הויבען זיך אָן דעם 23-טען סערפּיען ה. י. און קומען פאָר אין קאנצעלאריע פון דער שולע, וויטאָלדא 13 פון 11 ביז 1 און פון 4 ביז 6 אָווענד.

## ל. מילמאַן.

בעמערקונג: די פרייזען זענען צוגענגליכע. גענויע אינפאָרמאַציעס ערטיילט די קאנצעלאַריע.


Biuro próśb, windykacji i buchalterji

## „EXPRESS"

RADOM, ul. ŻEROMSKIEGO 9 (Jacka Malczewskiego 6)

**za dostępną opłatą**

Radaguje prośby, podania, odwolania, umowy it p.

przepisuje na maszynach i tłumaczy wszystkie języki.

informuje o zdolności kredytowej.

załatwia korespondencję handlową i prywatną.

windykuje należności miejscowe i zamiejscowe

**i załatwia wogóle wszystkie czynności w zakres biurowości wchodzące**

Tanio! Szybko! Solidnie!


## בעקאנטמאכונג

די געזעלשאַפט „לינת-הצדק" מעלדעט דערמיט. אז צוליעב דעם וואס די געלדער פון די בילעטען זענען נאָך נישט אינגאנצען איינגעפלאָטען, און אויך צוליעב דעם. וואס פיעל פון די ראדאמער אידישער בעפעלקערונג געפינען זיך אויף זומער וואינונגען. זענען מיר געצווינגען אבצולייגען דאס ציהונג פון דער פאנטען לאָטעריע. אויף דעם 3 טאָג חוהמ'ס ד ה. דעם 30|IX ל. י. 6 אַ זייגער אָווענד אין אייגענעם לאקאל רווינסקא 1

מיט כבוד

פערוו. „לינת-הצדק" ראדאם.

## עפענטליכע ענטשולדיגונג.

אזוי ווי איך האָב בעליידיגט אין שחט-הויז דעם עלטסטען ראדאמער מורה הוראה הרב ר' מענדעל קעסטענבערג שליט"א אין איך האָב אויף דעם הרפה, בעט איך דעם מורה הוראה איבער און איך פערזיכער אז אזעלכעס עהנליכעס וועט חס ושלום מעהר נישט געשעהן ווייל איך האָב די בעליידיגונג געטוהן נישט בעוואוסטזיניג.

מיט אכטונג

חיים ווייסבארד.


INFORMACJE

**kredytowe o handlu, przemyśle, rzemiośle i rolnictwe**

udziela szybko, szczegółowo i tanio

## „E U R O P A"

Biuro Informacyjne o Zdolności Kredytowej

**wł. ROBERT MIELEWCZYK**

POZNAŃ, ul. FREDRY 2.

Poszukujemy współpracy z biurami informacyjnemi i korespondentów na wszystkie miejscowości.

Z poważaniem

**„EUROPA"**

Biuro Informacyjne o Zdolności Kredytowej

**Robert Mielewczyk.**


Redaktor Ch. M Herc

Drukarnia Wyd. Radomer-Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20.